# אַ פָּסוּק חוּמָשׁ
## חיזוק פאר די וואך

**תמצית הגליון:**
הויפט מאמר
מוסר השכל
צידה לדרך
מעשה רב

אֵלֶּה הַדְּבָרִים אֲשֶׁר דִּבֶּר מֹשֶׁה

בעזרת השי"ת ▪ דברים - חזון תש"פ ▪ גליון פה'


# וועון איז א מענטש גרייט צו הערן מוסר?

## די געוואלדיגע מוסר השכל וואס מיר לערנען זיך ארויס פון משה רבינו, ווי אזוי מען דארף זאגן מוסר!

**דער טבע פון א מענטש איז צו מעורר זיין!** ווען א מענטש זעהט עפעס וואס זיין חבר דארף פארריכטן, גלייך קומט אים ארויף אויפן געדאנק "לאמיר אים גיין זאגן! ער דארף דאך דאס וויסן! ווי אויך, האב איך דאך דער מצוה פון **לֹא תִשְׂנָא אֶת אָחִיךָ בִּלְבָבֶךָ הוֹכֵחַ תּוֹכִיחַ אֶת עֲמִיתֶךָ...**" (ויקרא יט, יז). די פראבלעם ווערט אבער, אז ווי נאר מען גייט צו צום חבר מעורר זיין, ווערט ער גלייך זייער געטראפן און וויל נישט הערן... און נישט נאר ער וויל נישט הערן, ער ווערט נאך אינגאנצן באליידיגט "היתכן, מען זאגט מיר?!"

**לאמיר אריינקלערן: ווער איז דער פראבלעם?** איז דער פראבלעם דער זאגער: ער דארף נישט און טאר נישט זאגן קיין מוסר? אדער אפשר איז גאר דער פראבלעם דער צוהערער: ווען ער וואלט פארשטאנען די ערנסקייט פונעם זאך, אפשר וואלט ער יא מקבל געווען?

**און אויב דער פראבלעם איז דער זאגער**, וואס טוט א רבי אדער א טאטע וואס שפירט א חייב אז ער מוז מעורר זיין. ער זאל אויך בלייבן שטיל?! אינעם וואכנדיגע פרשה, וועלן מיר פארשטיין "**ווען א מענטש איז גרייט צו הערן מוסר און ווען נישט**", און דורך אפלערנען דער עומק הענין, וועלן זיך די שאלות פון זיך אליין פארענטפערט ווערן!

## לאמיר לערנען א פסוק חומש, און באקומען חיזוק פאר די וואך....

### משה רבינו זאגט מוסר פאר כלל ישראל

**אֵלֶּה הַדְּבָרִים אֲשֶׁר דִּבֶּר מֹשֶׁה אֶל כָּל יִשְׂרָאֵל בְּעֵבֶר הַיַּרְדֵּן בַּמִּדְבָּר בָּעֲרָבָה מוֹל סוּף בֵּין פָּארָן וּבֵין תֹּפֶל וְלָבָן וַחֲצֵרֹת וְדִי זָהָב.**

(דברים א, א)

אינעם פערציגסטן יאר פון ווען די אידן זענען אריין אין מדבר, **ראש חודש שבט**, זעקס און דרייסיג טעג איידער דער גרויסע צדיק און געטרייע מנהיג משה רבינו האט זיך געזעגנט פון דער וועלט, האט ער צוזאמגענומען גאנץ כלל ישראל כדי זיי צו זאגן א סעריע פון שטארקע מוסר דרשות וואס האט אנגעהאלטן יעדן טאג עד יום פטירתו, ז' אדר. (**אלה** בגי' ל"ו, אוחה"ק[א])

כלל ישראל האט זיך צוגעהערט מיט א געוואלדיגע ערנסקייט און א טיפע חרטה און איינגעשלינגען יעדעס ווארט וואס דער צדיק האט געזאגט. קיינער האט זיך נישט געשפירט געטראפן אדער באליידיגט, נאר אדרבא, די הירור תשובה איז געווען זייער גרויס.

וואס האט דער געטרייע מנהיג משה געזאגט? "**בַּמִּדְבָּר, בָּעֲרָבָה, מוֹל סוּף, בֵּין פָּארָן, וּבֵין תֹּפֶל וְלָבָן, וַחֲצֵרֹת וְדִי זָהָב...** מיינע טייערע ברודער, איידער איך געזעגן זיך פון אייך, לאמיר מאכן א שטיקל חשבון הנפש ווי אזוי די פערציג יאר אין מדבר איז אריבער אויף אונז... לאמיר זעהן וויפיל מאל מיר האבן ליידער געזינדיגט און געדארפט תשובה טוהן..."

"צו געדענקט איר וואס האט פאסירט אין "**מדבר**"?! ווי נאר איר זענט אנגעקומען צו **מדבר סין**, זענט איר גלייך געקומען מיט טענות און געשרייען פון מִי יִתֵּן מוּתֵנוּ בְיַד ה' בְּאֶרֶץ מִצְרַיִם בְּשִׁבְתֵּנוּ עַל סִיר הַבָּשָׂר בְּאָכְלֵנוּ לֶחֶם לָשֹׂבַע כִּי הוֹצֵאתֶם אֹתָנוּ אֶל הַמִּדְבָּר הַזֶּה לְהָמִית אֶת כָּל הַקָּהָל הַזֶּה בָּרָעָב (שמות טז, ג) און נישט געגלייבט אז דער אייבערשטער קען שפייזן אויף יעדן אופן און אויף יעדן פלאץ!"

**בָּעֲרָבָה:** "צו געדענקט איר וואס האט פאסירט נישט לאנג צוריק אין "**ערבות מואב**" ווען איר האט ליידער אזוי שטארק געזינדיגט (ע"י

[א] **וז"ל** עוד ירצה לרמוז חשבון ימים אשר הוכיח לישראל שהם במספר אלה, וכן מוכיחים הכתובים כי בא' לחודש שבט התחיל לדבר אליהם דכתיב בעשתי עשר חודש בא' לחודש והוא נצפן בז' באדר (קידושין ל"ח א) הרי ל"ו כמספר אלה שבהם דבר הדברים של התוכחות האמורים בענין **עכ"ל**.

עצת בלעם) מיט דעם פעור און די בנות מואב..."

און אזוי ווייטער... **מול סוף, פָּארָן...** משה רבינו האט דערמאנט די אידן פון זייער שלעכטע אויפפירונג אין פארשידענע מצבים. יעדע פלאץ וואס דער פסוק שרייבט דא ארויס איז מרומז אויף נאך א זינד וואס האט דאן פאסירט...

## לאמיר פארשטיין, פארוואס דוקא יעצט?

משה רבינו, דער שפיץ פון אהבת ישראל, וואס האט כסדר נאר געזעהן די מעלות פון די אידישע קינדער, שטעלט זיך פלוצלינג אוועק און זאגט איינס נאך איינס אזעלכע שארפע דיבורים?! פארוואס האט ער זיי נישט מוסר געזאגט במשך פון די גאנצע פערציג יאר אינעם מדבר (עי' באוהחה"ק[ב])? פארוואס פונקט יעצט?

זאגט רש"י: **מלמד שלא הוכיחן אלא סמוך למיתה**, דאס ווייסן ווען צו זאגן מוסר פאר כלל ישראל, דאס אליין ווייזט אויף זיין זעלטענעם אהבת ישראל.

משה רבינו האט שוין פון לאנג געוואלט מדריך זיין די אידן און זיי מאכן אויפמערקזאם איבער זייערע עוולות, אבער ער האט זיך איינגעהאלטן די גאנצע פערציג יאר, וויסנדיג אז ער דארףווארטן אויף די פאסיגע צייט. ער האט געוואוסט אז אויב ער וויל אז זיינע רייד זאל אויפטוהן און דער עולם זאל דאס מקבל זיין ריכטיג בדרך כבוד, דארף ער ווארטן אויף די ריכטיגע געלעגנהייט, לפני מיתתו....

און טאקע יעצט, שטייענדיג זעקס און דרייסיג טעג איידער ער געזעגנט זיך פון דער וועלט, איז דער פאסיגסטע געלעגנהייט זיי צו מוסר זאגן מיט א שטארקייט.

פון וואו האט זיך דאס משה אויסגעלערנט? זאגט רש"י: פון יעקב אבינו. מיר געפונען ביי יעקב אבינו אז ער האט זיך איינגעהאלטן און נישט מוסר געזאגט פאר זיינע קינדער, נאר סמוך למיתה. און אזוי האבן יהושע און דוד אויך געטוהן... (ספרי א, ג)

## פארוואס איז סמוך למיתה מער א פאסיגע צייט?

זאגט רש"י בשם די ספרי: **ומפני ארבעה דברים אין מוכיחין את האדם אלא סמוך למיתה**[ג], און איינע פון די טעמים איז **כדי שלא יהא מוכיחו וחוזר ומוכיחו...**

דער כתב סופר איז מסביר: די סדר פון א מענטש איז אז כל זמן ער זיצט רואיג בשלום ובשלוה, עס גייט אים גוט, קען ער נישט און וויל נישט טראכן אז עפעס שלעכטס קען חלילה פאסירן.

דערפאר, אין אלע רואיגע און פרידליכע צייטן ווען די נביאים האבן מוסר געזאגט און געווארנט אז מען דארף תשובה טוהן און פאררעכטן די מעשים, איז עס נישט אזוי שטארק אריין אין די הערצער פון די אידן, ווייל זיי האבן געטראכט אז די נביאים רעדן סתם נעגעטי"וו, און אז מען וועט טראכטן אביסל מער פאזעטי"וו, וועט אלעס זיין גוט.[ד]

אבער ווי נאר עס איז אנגעקומען שווערע צייטן אויף די אידן און זייערע צרות זענען געווארן מער א רעאליטעט, האבן זיך זייערע הערצער געעפענט און זיי האבן זיך פלוצלינג מכניע געווען, דער עולם איז געלאפן זוכן ווי אזוי זיי קענען זיך פאררעכטן און ווערן בעסער, פלוצלינג האבן זיי שוין געוואלט הערן די קול התוכחה...

דערפאר האט יעקב אבינו ע"ה נישט מוכיח געווען זיינע קינדער נאר סמוך למיתתו, טראכנדיג אז עס לוינט זיך נישט זיי צו מוסר'ן כל זמן עס גייט זיי גוט ווייל זיי וועלן סיי ווי נישט צוהערן...

אבער סמוך למיתה, ווען די קינדער האבן געזעהן אז זייער טאטע גייט זיך אט אט געזעגענען פון זיי, דעמאלטס איז זייערע הערצער געווארן ווייעכער און צובראכן און זיינע ווערטער האבן פיל מער עושה רושם געווען.

זאגט רש"י: משה האט זיך אויסגעלערנט פון יעקב אז די בעסטע צייט מוכיח צו זיין איז לפני מותו, פארוואס? **כדי שלא יהא מוכיחו וחוזר ומוכיחו.** אין אלע אנדערע צייטן דארף מען פיל מער פרובירן און רעדן, משא"כ לפני מותו, בלייבט דאס אריינגעקריצט אין זייער הארץ.

## דער לויה וואס וועט קיינמאל נישט פארגעסן ווערן...

**צו בעסער פארשטיין דעם ענין, גייען מיר צוריק צו א טרויעריגע שטיקל היסטוריה וואס האט זיך אפגעשפילט אין אמריקא פאר הונדערט אכצן יאר צוריק.**

**דינסטאג מטות מסעי, כ"ד תמוז שנת תרס"ב**, האבן טויזענטע מענטשן פון איבער גרעיטער ניו יארק פארזאמלט פארנט פונעם קליינעם און ארימע דירה וואס איז געווען אויף 263 Henry st. אינעם איסט סייד געגנט פון מאנהעטן און יאמערליך געוויינט. ווי א שעה איז פאראריבער, האבן זיך נאך און נאך מאסן מענטשן פארזאמלט...

אלע זענען געשטאנען פאר'אבל'ט מיט אראפגעלאזטע קעפ, די פנים'ער אנגעפילט מיט בושה און חרטה, שפירנדיג שטארק באטראפן פונעם יעצטיגן פאסירונג.

צווישן די פארזאמלטע עולם, האט זיך אויך געפונען אידן וואס

---

[ב] **וז"ל** עוד ירצה להגיד הכתוב שכל מ' שנה שהיה משה רועה ישראל במדבר לא דבר להם קשות זולת אלה הדברים הוא שדבר קשות, והגם שמצינו שאמר להם (במדבר כ' י') שמעו נא המורים, לא אמר דבר זה לכללות ישראל אלא לחלק א' שהיו מורים הוראה, וכן אמרו בספר הזוהר, אבל לכל ישראל לא דיבר קשות זולת אלה, והוא מה שדקדק לומר אל כל ישראל פירוש אל כולם הוא שלא דבר קשות אלא אלה, אבל לקצתן ימצא שדבר קשות חוץ מאלה **עכ"ל.**

[ג] ועיי"ש בדברי רש"י ווי ער רעכנט אויס צוויי פון די פיר טעמים, **כדי שלא יהא מוכיחו וחוזר ומוכיחו,** ושלא יהא חבירו רואהו ומתבייש ממנו וכו' ועיי"ש בספרי עוד שני טעמים, שלא יהא בלבך עליו, היינו שלא ישנא המוכיח בשביל תוכחתו. ועוד שלא יבא לידי רוב ומחלוקות. (גו"א)

[ד] פונקט אזוי האט זיך לײדער אפגעשפילט אין די צייטן פון ירמיהו הנביא איידער דעם ביטערן חורבן...

האבן שוין יארן נישט געדענקט פון אידישקייט. זיי האבן אנגעטוהן א יארמולקע אויפן קאפ און זיך אויסגעמישט צווישן די מאסן.

## וואס איז דער טרויער און וואס איז דער גרויסע בושה?

שר וגדול נפל בישראל! דער גרויסער גאון און גדול רבי יעקב יוסף (יאזעף) רב הכולל לאגודת הקהלות אין ניו יארק, האט אויסגעהויכט זיין הייליגע נשמה אינעם יונגן עלטער פון 62 יאר. זייענדיג אין אמעריקא פאר בלויז 14 יאר, איז דער רב ליידער נפטר געווארן מאנטאג ביינאכט אים 11:45, און יעצט דינסטאג אינדערפרי גרייטן זיך די טויזנטע אמעריקאנע איינוואוינער אפצוגעבן דעם לעצטן כבוד פארן גאון און גדול.

**די צענע איז א צומישטע**, עס קוקט אויס ווי דער רב איז געווען טייער און באליבט, אבער ווען מען קוקט אונטער די קוליסן און מען ליינט די אידישע צייטונגען פון יענע צייט (דער טאגבלאט), ווערט זייער ביטער און שאנדפול אויפן געזיכט.

> עטליכע אויסצוגן פונעם טאגבלאט: דער רב הכולל, ר׳ יעקב יוסף זצ״ל, דער גדול פון אונזער דור איז געשטארבן נעכטן האלבע נאכט. - פון אן ארימע פאמיליע וואקסט ארויס א לעבעדיגער אלמער ספרים וואס מאכט זיך א גרויסן נאמען אין צוויי טיילן- **ער ווערט געבראכט מיט גרויס פאראד קיין ניו יארק, וואו ער נעמט איבער דעם רודער פון אידענטום און ווערט פארגעסן פון אלעמען די יארן וואס ער איז געלעגן פאראליזירט**...

> צאלט כבוד צו דעם וואס האט דעם כבוד פארדינט! **גיט זיין לעצטע רעכט צו דעם וואס האט זיין רעכט נישט געהאט במשך זיין לעבן**, זאל אלע חבירים און שוהלן זיין פארטראטן ביי די לויה, זאל ניו יארק טרויערן נאך איר גרויסע מאן...

**״ער ווערט געבראכט מיט גרויס פאראד קיין ניו יארק, וואו ער נעמט איבער דעם רודער פון אידענטום״...**

יא, עס איז אמת! עש״ק מסעי[ה] ה׳ מנחם אב, שנת תרמ״ח, איז דער רב טאקע אויפגענומען געווארן מיט גרויס כבוד און פאראד דורך טויזענטע מענשטן און רבנים פון אלע קהילות איבער גרעיטער ניו יארק.

אבער בליץ שנעל האט זיך דער שמחה אויסגעוועפט. אינגאנצן איין יאר שפעטער יום ג׳ לסדר ברכה שנת תרמ״ט, שוין ביים ערשטן מודעה וואס דער רב האט ארויסגעלייגט צו מעלדן איבער זיינע פעולות אין כשרות, בעיקר בעיני השחיטה (ווי למשל שטעלן נייע משגיחים אין די שלאכטהייזער וכדו׳) אז פון יעצט און ווייטער וועלן אלע עופות זיין געסטעמפלט מיט א פלאמבע צו צייגן אז עס איז גע׳שחט׳ן געווארן אונטער זיין השגחה... און פאר דעם פלאמבע, וועט מען דארפן צורעכענען איין פעני ביים פארקויפן די פלייש... האט זיך דער רדיפות אנגעפאנגען...

די אלע פלייש סוחרים, בוטשערס און שוחטים, וואס מען האט ווי פארשטענדליך נישט געמעגט פארערכטן, באלד אנגעהויבן א היציגע מערכה קעגן דעם נייעם רב. אלע צייטונגען, אידישע און גוי׳ישע, האבן באריכטעט איבער די נייע גזירות פונעם רב מיט חוזק און שפאט, בפרט אויף די נייע שטייער פון איין פעני פאר די פלאמבע און דערנאך בכלל אויף די גאנצע הכשר. מיטן הילף פון די פיל לייכטזיניגע בוזנע״סלייט און שוואכע רבנים וואס האבן נישט געוואלט און געקענט הערן פון זיך פארערכטן, האבן די צייטונגען געהאקט אויפן רב וואך נאך וואך.

דער העצע איז אנגעגאנגען ברוב עם, די שוואכערע עלעמענטן האבן געארבעט שווער לאנגע חדשים צוריק צוכאפן די אלע בוטשערס וואס זענען געגאנגען אונטער דעם נייעם הכשר פונעם רב און געגרינדעט אן אייגענע נייע לייכטזיניגע בית דין מיטן פאראיינגן פילע בוטשערס אונטער זיך און אזוי צוביסלעך אונטערגעהאקט דעם רב׳ס הכשר....

**כמעשהו בראשונה כך מעשהו בשנייה**, יעדע גוטע טויש וואס דער רב האט פרובירט מאכן, האט דער התנגדות נישט פארפעלט צו קומען. שפעטער, ווען דער רב האט פרובירט מתקן זיין דעם ענין פון שמורה מעיל פאר פסח, צוליינגנדיג א קליינעם שטייער פארן הכשר, איז דאס אויך אריינגעשלעפט געווארן אינעם שטורעם.

**און אזוי האבן זיי כסדר געצאפט דאס בלוט פונעם רב און אים באשמיצט אויף יעדן אופן וואס איז נאר געווען שייך.**

דעם רב האט זייער ווייי געטוהן אבער האט ממשיך געווען מיט זיינע פעולות טראץ די שוועריקייטן, ווי דער רב האט זיך אמאל אויסגעדריקט פיר יאר שפעטער, בשנת תרנ״ב, ווען ער האט געזאגט א פייערדיגע הספד אויף דער בריסקער רב, הגאון ר׳ יאשע בער סאלאווייטשיק זצ״ל אין איינע פון די ניו יארקע שוהלן. דער רב הכולל האט זיך דאן באקלאגט אינמיטן די הספד און געזאגט, **״א שאד אז איך האב נישט געפאלגט דער בריסקער רב וואס האט מיך געראטן נישט צו פארן קיין אמעריקע!״**

ווי א יאר איז פארביי, איז דער כח פונעם רב אלץ שוואכער און שוואכער געווארן... ער האט נישט געקענט אויפטוהן וויפיל ער האט באמת געוואלט און פארלוירן מער און מער פון זיין מאראלישע און פינאנציעלע שטיצע...

דער מכה בפטיש איז געווען ווען דער רב האט געזעהן ווי א בוטשער סטאר האט ארויסגעשטעלט ביים פענסטער א שטיקל דבר אחר און דערויף ארויפגעלייגט א ״הכשר״ מיטן חותם פונעם רב הכולל. דאס איז געווען א שטיקל וואס די שונאים האבן אונטערגעלייגט כדי אים צו דער׳צער׳נען און דערנידערן. דער רב איז געווארן שטארק אויפגעברויזט און ווייי געטוהן, עד דכדוכה של נפש און נאך אין יענעם טאג איז ער אוועקגעפאלן.

שנת תרנ״ז: 9 יאר נאך וואס **״ער ווערט געבראכט מיט גרויס פאראד**

---

[ה] דער זעלבע פרשת השבוע וואס דער רב איז אנגעקומען קיין אמעריקע, איז דער רב אוועק פון אמעריקע, ביידע אין פרשת מסעי. (פרשת המסעות)

פאר סיי וועלכע הערות בנוגע דעם גליון קענט איר זיך פערבונדען מיטן עורך:
torah10952@gmail.com

**קיין ניו יארק, וואו ער נעמט איבער דעם רודער פון אידענטום**"... איז דער גרויסע רב געווארן א כלוא בית, ליגנדיג אין בעט פאראלעזירט פון צער און יסורים... "**ווערט פארגעסן פון אלעמען**".

**עס איז אבער יא געווען איינמאל וואס דער רב האט מצליח געווען אויפצוטרייסלען דעם עולם.**

## דער שבת תשובה דרשה וואס ליגט נאך אין די ביינער...

איינמאל פאר שבת שובה, האט דער רב געזאגט אז ער וויל האלטן א דרשה אין די גרויסע שוהל. די דאקטורים האבן עס אים פארבאטן אבער דער רב האט זיך נישט געקומערט און געהייסן מפרסם זיין אין די גאנצע שטאט אז שבת שובה וועט דער רב הכולל האלטן א דרשה אין די שול.

עס איז געווען אן איבערראשונג פאר אלעמען נאכן וואס דער רב איז שוין געווען קראנק א לענגערע צייט און האט זיך צוריק געצויגן פון זיין פארמישט אין די קהולה ענינים די גאנצע צייט.

בליץ שנעל האט זיך דער מודעה פארשפרייט. עס זענען צוזאמגעקומען שווערע טויזנטע אידן, עפעס ווי זייער הארץ וואלט פאראויס געזאגט אז דאס וועט זיין זיין לעצטע דרשה.

מיט א שטוהל האט מען אים ארויפגעפירט צו די בימה, וואו ער האט זיך אנגעשטערנגט צו זיצן און גענומען רעדן שוואך און מיט א שוואכע שטימע:

**דער רמב"ם זאגט אין הלכות תשובה...**

ער האט אבער פארגעסן וואס ער האט געוואלט זאגן. אזוי האט זיך דאס איבערגע'חזר'ט עטליכע מאל, ער האט נישט געקענט פארזעצן די דרשה וואס ער האט זיך צוגעגרייט צו זאגן. פארשטייט זיך אז ער איז נעבעך פארשעמט געווארן פארן גאנצן פארזאמלטע עולם.

פלוצלינג, האט ער זיך אנגעשטערנגט מיט זיינע לעצטע כוחות און גענומען שרייען קולות, "**יא! רבותי, איך האב פארגעסן וואס דער רמב"ם זאגט! איך, וואס איז געווען מפורסם פאר א חריף און בקי אין אלע מקצועות התורה, און א בעל דרשן פאר לאנגע יארן, האט פארגעסן וואס דער רמב"ם זאגט אין הלכות תשובה! קוקט און זעהט וואס איז דער סוף פון א מענטש! אט האט איר פאר זיך א לעבעדיגן מוסטער. נעמט מיך פאר א מוסר השכל און טוסט תשובה באצייטנס ווען איר זענט נאך בכח דאס צו טוהן!**"

דער רב האט דאן אויסגעפלאצט אין א ביטערע געוויין און אלע טויזנטע אידן האבן מיטגעוויינט צוזאמען מיט אים, אנגעפילט מיט תשובה און חרטה. די השפעה פון זיין רעדן איז געווען מורא'דיג. עס האט אים נאך קיינאל נישט אזוי געלונגען צום ערוועקן דעם עולם צו תשובה ווי אין דעם איציגן מאל.

(אויסצאגן פונעם ביכל "דער רב הכולל אין זיין תקופה" דורך הרב יונה לאנדא)

**פארוואס איז דער עולם אזוי נתעורר געווארן?**
**ווי איז דער התנגדות פלוצלינג פארשווינדן געווארן?**

דער תירוץ איז פשוט: זעענדיג דער רב אין אזא מצב, ווי דער איד גייט שוין אט אט פון דער וועלט און קוק ווי אזוי ער זעהט אויס, אז נאר צוליב די שוועריקייטן פון זייער שוואכע גאס, וואס זיי האבן זיך נישט געלאזט מוסר זאגן און נישט געוואלט פאררעכטן זייערע מעשים... דאס האט געמאכט זייער הערצער צוגיין!

ווען דער מענטש'ס הארץ איז זיך מכניע, קען ער אויסהערן עפעס תוכחה. אלע חשבונות ווערן געלייגט אויף א זייט ווען מען איז גרייט צו הערן...

די ווארימע מוסר רייד וואס זענען יעצט געפלאסן פון זיין הייליגן מויל לפני פטירתו "**קוקט און זעהט וואס איז דער סוף פון א מענטש!... נעמט מיך פאר א מוסר השכל תשובה צו טוהן באצייטנס ווען איר זענט נאך בכח דאס צו טוהן**"... האט אריינגעדרינגען אין זייערע הערצער.

כלל ישראל האט זיך צוגעהערט מיט א געוואלדיגע ערנסקייט און א טיפע חרטה און אריינגענומען אין זיך יעדעס ווארט וואס דער צדיק האט געזאגט. קיינער האט זיך נישט געשפירט געטראפן אדער באליידיגט, נאר אדרבא די הירור תשובה איז געווען גרויס.

פון דעמאלטס אן איז דער מצב ביים רב ליידער געווארן ערגער ביז דעם טרויעריגע טאג **דינסטאג מטות מסעי, כ"ד תמוז שנת תרס"ב**, וואס דער רב הכולל האט ליידער אויסגעהויכט זיין נשמה און נפטר געווארן.

דער רב האט זוכה געווען צו א געוואלדיגע סייעתא דשמיא און השגחה פרטית לפני מותו, ווען נאך יענעם טאג האט ער זוכה געווען צו געבן זיין האנט פאר זיינע ערליכע שטיצער, די חשוב'ע רבנים וואס האבן נארוואס יענעם טאג געגרינדערט דעם נייעם ארטאדאקסישן קהילה בשם "אגודת הרבנים האורטודוכסים באמעריקה", אראפקלאפנדיג די אלטע בתי דינים און הכשרים וואס האבן ביז יעצט געשטערט דעם וועג פארן חרידישן יודנטום.

## אבל גדול עשי לך!

יעצט ווען די הייליגע אויגן האבן זיך פארמאכט אויף אייביג, האבן זיך אלע אנגעכאפט ביים קאפ אז דער גדול איז שוין מער נישט דא! אלע זענען געשטאנען פאר'אבל'ט מיט אראפגעלאזטע קעפ, פנים'ער אנגעפילט מיט בושה און חרטה, שפירנדיג שטארק געטראפן פונעם יעצטיגן פאסירונג.

יעצט ווען די הערצער זענען געווען צוקלאפט, האבן שוין אלע זיך צוגעהערט מיט אינטערעסע צו די אלע מוסר דרשות וואס די רבנים האבן פארגעהאלטן, אנערקענט אלע טעותים וואס זיי זענען באגאנגען און געטראכט ווי אזוי זיי קענען זיך פאררעכטן. **יהא זיכרו ברוך...**

~

**וַיְהִי בְּאַרְבָּעִים שָׁנָה בְּעַשְׁתֵּי עָשָׂר חֹדֶשׁ בְּאֶחָד לַחֹדֶשׁ דִּבֶּר מֹשֶׁה אֶל בְּנֵי יִשְׂרָאֵל "כְּכֹל אֲשֶׁר צִוָּה ה' אֹתוֹ אֲלֵהֶם".** (דברים א, ג)

"**כְּכֹל אֲשֶׁר צִוָּה ה' אֹתוֹ אֲלֵהֶם**". זאגט דער מדרש: משה רבינו האט מורא געהאט צו זאגן מוסר פאר כלל ישראל, ווייל אפשר וועט ער חלילה זיי פוגע זיין אדער פארשעמען. האט אים דער אייבערשטער געזאגט, "ניין מיין קינד, יעצט איז דער צייט, גיי זאג זיי מוסר!"

משל למה"ד, א תלמיד איז אמאל געגאנגען מיט זיין רבי'ן. אינמיטן וועג, האט דער תלמיד באמערקט א שמוציגע שטיין. מיינענדיג אז דאס איז א שמוציגע דיימאנט, האט דער תלמיד זיך אראפגעבויגן און עס אויפגעהויבן. אבער ווי נאר דער תלמיד האט עס אנגעכאפט, האט ער זיך גלייך אפגעבריט ווייל עס איז געווען א הייסע קויל!

א שטיק צייט שפעטער, איז דער תלמיד נאכאמאל געגאנגען מיטן רבין. ער האט געזעהן א שיינע שטיין אבער ער האט מורא געהאט דאס אויפצוהייבן, ער וויל דאך נישט ווערן פארבריט! דער רבי האט דאס צוגעזעהן און געזאגט, "מיין טייערע תלמיד, דו דארפסט נישט מורא האבן, דו קענסט זיך אראפבייגן און דאס נעמען, דאס איז אן אמת'ע דיימאנט!"

אזוי אויך, האט משה רבינו יעצט מורא געהאט צו זאגן מוסר פאר כלל ישראל, ווייל אפשר וועט ער זיך אפבריען און נענש ווערן אזוי ווי עס האט פאסירט ביים שלאגן די שטיין ווען ער האט בטעות געזאגט "**שִׁמְעוּ נָא הַמֹּרִים**". האט אים דער אייבערשטער געזאגט, "יעצט איז דאס א דיימאנט! הייב אן זאגן מוסר." (מעם לועז)

## צידה לדרך

**די וואכנדיגע פרשה לערנט אונז ווי אזוי משה רבינו האט געזאגט מוסר פאר כלל ישראל...**

1- **אֵלֶּה הַדְּבָרִים אֲשֶׁר דִּבֶּר מֹשֶׁה "אֶל כָּל יִשְׂרָאֵל"**. ער האט נישט גערעדט פערזענליך צו איין חלק, נאר גערעדט צום כלל ווען יעדער איז דארט געווען.

2- **בַּמִּדְבָּר בָּעֲרָבָה מוֹל סוּף. ברמיזה:** ער האט ארויסגעשריבן די נעמען פון די פלעצער, ווי רש"י זאגט: **הזכירן ברמז מפני כבודן של ישראל.**

3- די שטראף רייד זענען נישט אויפן סדר. **בערבה**, וואס איז דער מעשה פון מואב, איז געווען אסאך שפעטער ווי **מול סוף**, וואס איז דער מעשה פונעם ים סוף. זאגט דער גור אריה: ער האט דא נאך מער באהאלטן, אפי' דער רמז ...

4- **לפני מותו.** משה האט זיך איינגעהאלטן 40 יאר פון רעדן שטרענג כדי די אידן זאלן קענען הערן און נישט ווערן געטשעפעט.

**וזה לשונו פונעם ספר פלא יועץ, בענין תוכחה.**

**צריך זהירות באופן התוכחה שלא ישא עליו חטא.** דהינו שלא ילבין פני חברו, ולא ידבר אליו קשות באפן שיביא לידי מחלקת וקטטה ושנאה ותחרות, אלא לשון רכה תשבר גרם (משלי כה טו), בסתר. ומה מאד צריכים לזהר הדרשנים שלא לנגע בכבוד הבריות, ושלא להזכיר חטא שעשה איזה פרטי בתוך דרושם, כי דם יחשב לדרשן ההוא, דם שפך אלא גם כשיוכיח על עברות שדשו בהם פרטי, יכבדהו וינשאהו תחלה כדי שיקבל התוכחה, וזה פרשו המפרשים פרוש הכתוב (שם ט ח) אל תוכח לץ פן ישנאך, הוכח לחכם ויאהבך. שאל יוכח בלשון לץ לומר לו, אתה לץ רשע למה תעשה כך וכך, אלא יאמר, אתה חכם, איש טוב, משבח ומפאר, ולא נאה לך מעשים כאלה, חזר בך כדי שתהיה שלם בכל ויהללו בשערים מעשיך. ואם לא יקבל ברכות ולא ישוב מדרכו הרעה, ידבר קשות ויוסיף, עד להכותו, אם יש בידו למחות. והיותר טוב למי שהוא דרשן, שכשרואה שיש בני אדם פרוצים באיזה דבר, יבקש לדרש בספר על אותו ענין, או בעמדו בקהל אנשים יגלגל הדברים להודיע האסור שיש בדבר ההוא וחמר שבו, השומע ישמע והחדל יחדל.

## מוסר השכל

**וְלַמּוֹכִיחִים יִנְעָם וַעֲלֵיהֶם תָּבוֹא בִרְכַּת טוֹב.** (משלי כד,כה)

אמת! תוכחה רייד קען אמאל זיין ווי א ברענעדיגע קול, פארט קען דאס אויך זיין ווי א טייערע דיימאנט, געוואנדן ווי אזוי דער זאגער זאגט עס און דער מקבל טוט דאס מקבל זיין.

לאמיר אבער מאכן דעם חשבון. פארוואס דארפן מיר ווארטן ווען עס ווערט שווער און ביטער כדי צו הערן מוסר? פארוואס זאלן מיר זיך נישט לאזן לערנען נאך אין פרידליכע צייטן?

תניא רבי אומר איזו היא דרך ישרה שיבור לו האדם? יאהב את התוכחות. שכל זמן שתוכחות בעולם נחת רוח באה לעולם טובה וברכה באין לעולם ורעה מסתלקת מן העולם שנאמר (משלי כד, כה): **ולמוכיחים ינעם ועליהם תבא ברכת טוב.** (תמיד כח א)

דורכ'ן ליב האבן מוסר און זיך לאזן פאררעכטן, וועט מען קענען אנהאלטן גוטע צייטן און מונע זיין שווערע צייטן.

~

### נישט יעדער קען זאגן אבער יעדער דארף הערן!

זאגט דער מדרש: **אֶל כָּל יִשְׂרָאֵל. מלמד שהיו כולם בעלי תוכחה ויכולין לעמוד בתוכחות.** דער דור המדבר איז געווען א דור דעה וואס האט געקענט פארנעמען און הערן מוסר רייד.

א"ר טרפון: "**איך וואונדער זיך אויב עס איז דא איינער אין דעם דור וואס קען מקבל זיין תוכחה!**"

אויב מען זאגט איינעם "טול קיסם מבין שיניך, דו דארפסט נאר פאררעכטן א קליינע עבירה'לע", זאגט ער דיר באלד צוריק, "טול קורה מבין עיניך, קודם גיי און פאררעכט דיינע גראבע עבירות!" עס איז זייער שווער היינטיגע צייטן פאר מענטשן אנצונעמען מוסר!

האט רבי אלעזר בן עזריה געזאגט, "**איך וואונדער זיך אויב עס איז דא איינער אין דעם דור וואס ווייסט בכלל ווי אזוי מען דארף מוכיח זיין!**

תוכחה איז נישט קיין פשוט'ע פאך! דאס דארף צוגיין בדרך כבוד אז יענער זאל נישט פארשעמט ווערן!" (ערכין טז:)

לאמיר צוריק גיין צו דער קשיא מיט וואס מיר האבן אנגעהויבן:

**ווער איז דער פראבלעם: דער זאגער אדער דער צוהערער?**

די צוויי תנאים רבי טרפון און רבי אלעזר בן עזריה לערנען אונז: תוכחה דארף מען קענען אננעמען און תוכחה דארף מען קענען געבן. אויב דער תוכחה גייט צו מיט אן איידלקייט, א ליבשאפט, ובדרך כבוד, קען מען זאגן און מען וועט הערן! אויב דער תוכחה גייט צו באופן בזיון און שטראף רייד, ושלא בדרך כבוד, קען מען דאס טאקע נישט הערן און מען זאל דאס טאקע נישט זאגן!

**בכל אופן, לאמיר נישט זיין פארנומען מיטן זאגער,**
**פאר אונזער טובה, לאמיר זיך לערנען צו קענען הערן...**

פאר סיי וועלכע הערות בנוגע דעם גליון קענט איר זיך פערבונדען מיטן עורך:
torah10952@gmail.com